# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

נח

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת נח


מצא חן בעיני ה' - וויאזוי באקומט מען 'חן' ביים אויבערשטן?........................ד

בתר רישא אזיל - היילגן דעם אָנהייב פונעם יאָר מיט אַ 'קאָך' און אַ 'ברען' ............יד

שתרגילנו בתורתך - די בעסטע עצה פאַר אַלע פראָבלעמען, זיך אָנשעפּן מיט לימוד התורה.........כב


**ספה"ק בת עין**

... **'וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים'** די פסוק זאגט אונז 'אז נח האט געבוירען דריי קינדער'.

**'אֶת שֵׁם' מְרַמֵּז לִבְחִינַת אֱמוּנָה** די ערשטע קינד זאגט די פסוק איז געווען 'דעם שם' וואס דיווארט 'שם' איז מרמז צו אמונה. **'אֶת חָם'** די צווייטע קינד זאגט די תורה איז געווען 'דעם חם', **מְרַמֵּז לִבְחִינַת מ"ח דְּבָרִים שֶׁהַתּוֹרָה נִקְנֵית בָּהֶם** (אבות פ"ו מ"ו) וואס די ווארט 'חם' (די זעלבע אותיות ווי 'מח') איז מרמז אויף די 'מח דברים' די אכט און פערציג זאכען וואס די משנה רעכנט אויס אז דורך דעם איז מען קונה די תורה (און דאס איז מרמז צו קביעת עתים לתורה). **'אֶת יָפֶת' מְרַמֵּז לִבְחִינַת מַעֲשִׂים טוֹבִים** די פסוק זאגט ווייטער 'דעם יפת' וואס 'יפת' מיינט די שיינקייט און איז מרמז אויף די מעשים טובים וואס דער מענטש טוט (צו מקיים זיין 'לעבדה ולשמרה').

**הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת תְּשׁוּבָה נִתְיַלֵּד שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת הַנַּ"ל** דאס מיינט אז דורך תשובה ווערט ערוועקט און געבוירען אינעם מענטש די דריי אויבענדערמאנטע בחינות, **בְּחִינַת אֱמוּנָה** (1) די אמונה אז דער באשעפער וויל טאהן חסד און איז מקבל די תשובה פון יעדן יוד, **וּקְבִיעוּת עִתִּים לַתּוֹרָה** (2) און דורכדעם באשטימט דער מענטש א באשטימטע צייט צו לערנען, **וַעֲשִׂיַּית מַעֲשִׂים טוֹבִים כַּנַּ"ל** (3) און דאס טאהן מעשים טובים ווי אויבן דערמאנט.

**וְעַל יְדֵי בְּחִינַת תְּשׁוּבָה יָבֹא מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן** און דורך די בחינה פון תשובה וועט משיח שנעל קומען אין אונזערע טעג - אמן. **(פרשת נח, ד"ה אלה תולדות נח)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד**

# פרשת נח

**מצא חן בעיני ה' - וויאזוי באקומט מען 'חן' ביים אויבערשטן?**

**ביים** סוף פון דער היינטיגער פרשה (ו, ח) לייענען מיר: ונח מצא חן בעיני ה'. נח האָט געפונען חן אין די אויגן פון דעם אויבערשטן[א].

**זאָגט** דאָרט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אַז מ'קען נישט זאָגן אַז נח איז געראַטעוועט געוואָרן פונעם מבול ווייל ער איז געווען אַ צדיק און האָט נישט געזינדיגט, ווייל אויב אַזוי, וואָלטן אויך די קליינע קינדער,

**א.** הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל האָט דערציילט, אַז דער גרינדער פון דער ישיבה אין לאָמזשע, הגה"צ רבי אליעזר שולעוויץ זצ"ל, האָט געזוכט אַ משפיע רוחני פאַר זיין ישיבה, אַן ערליכן איד וואָס זאָל זיין אַ איד 'משכמו ומעלה'. ער האָט זיך געוואָנדן פאַר דעם צוועק צום גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע נאָך אַן עצה. האָט דער 'חפץ חיים' געטראַכט אַ מינוט, און דאַן האָט ער אים געזאָגט:

- איך האָב פאַר אייך אַ גוטן פאָרשלאַג. דאָ ביי אונז אין שטעטל, אין ראַדין, וואוינט אַ גאון און אַ צדיק וועלכער איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אַ ראש הכולל, אָבער לעצטענס האָט דער כולל זיך פאַרמאַכט, און ער האָט פאַרלוירן זיין פרנסה. ער איז אַ בר מעלה, און ער איז ראוי צו דינען אַלס משגיח און משפיע רוחני אין אייער ישיבה. אויב איר ווילט הערן מיין עצה, נעמט אים צו אייך אין ישיבה.

דאָס איז געווען ערב יום טוב. אינמיטן יום טוב, האָט אָבער רבי אליעזר שולעוויץ באַקומען אַ דרינגענדע טעלעגראַמע פונעם 'חפץ חיים', וואָס דער הייליגער 'חפץ חיים' האָט געשריבן אין עצם חול המועד, וואו ער שרייבט צו רבי אליעזר, אַז ער האָט טאַקע פאָרגעשלאָגן דעם דערמאָנטן געוועזענעם ראש הכולל פון ראַדין, אָבער יעצט ציט ער צוריק זיין פאָרשלאַג, ווייל ער קען אים נישט פאָרשלאָגן אַלס קאַנדידאַט פאַר דעם פאָסטן (ער שרייבט אים נישט די סיבה פאַרוואָס ער האָט געטוישט זיין החלטה). צווישן די שורות האָט רבי אליעזר פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געווען גאָר וויכטיג פאַר דעם 'חפץ חיים', ביז ער האָט געפילט פאַר דרינגענד צו שרייבן דעם בריוו אינמיטן חול המועד.

באַלד נאָך יום טוב, איז רבי אליעזר אַריבערגעגאַנגען צום 'חפץ חיים', כדי צו הערן וואָס עס האָט דאָ פאַסירט אַז צוליב דעם האָט דער 'חפץ חיים' געטוישט זיין מיינונג. האָט דער 'חפץ חיים' אים געענטפערט, אַז אין לויף פונעם יום טוב איז יענער חשוב'ער ראש הכולל אַריינגעקומען צו אים אויף אַ יום טוב'דיגן באַזוך, און ביי זייער שמועס, האָט דער ראש הכולל זיך באַקלאָגט פאַר אים איבער זיין פרנסה וואָס איז קאַליע געוואָרן. **'לויט מיין מיינונג' - האָט דער 'חפץ חיים' געזאָגט, 'איינער וואָס באַקלאָגט זיך אויף זיין פרנסה, איז נישט ראוי צו דינען אַלס משגיח ביי אייך אין ישיבה.** צוליב דעם האָב איך אייך געשריבן דעם טעלעגראַם אַפילו אינמיטן יום טוב, כדי איך זאָל נישט זיין אַ 'צועק לשעבר', אויב איר וועט רעדן מיט אים און אָפּשמועסן מיט אים וועגן זיין נייעם פאָסטן.

די דאָזיגע מעשה, האָט דערציילט הגה"צ רבי שלום שבדרון זצ"ל פאַר דעם בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, און ער האָט צוגעלייגט דעם הסבר פון רבי אליהו לאָפּיאַן אויף דער דאָזיגער מעשה, ווייל ס'איז דאָך נישט קיין ספק אַז דער תלמיד חכם וואָס דער 'חפץ חיים' בכבודו ובעצמו האָט ממליץ געווען אוף אים אין אָנהייב, האָט געהאַט אַלע גוטע מעלות אין תורה און יראת שמים. ער איז געווען אויסגעהאַלטן אין ענינים שבין אדם למקום, און אין ענינים שבין אדם לחבירו. אָבער מיט דעם אַלעם, וויבאַלד דער 'חפץ חיים' האָט געזען אַז ער נעמט נישט אָן מיט ליבשאַפט און מיט בטחון זיין מצב, האָט ער אויפ'ן אָרט באַשלאָסן אַז יענער איז נישט ראוי צו זיין אַ משפיע רוחניות אין אַ ישיבה.

פון דאָ קען מען לערנען נאָך אַ לימוד. פאַר יענעם ראש הכולל איז דאָך שוין געווען צוגעגרייט אַ נייער פאָסטן, אַ גוטע פרנסה, צו ווערן אַ משפיע אין דער באַרימטער לאָמזשער ישיבה, וואו מ'וואָלט אים באַצאָלט אַ שיינעם בכבוד'יגן געהאַלט, און פונדעסטוועגן, האָט ער **צוליב זיין זאָרג און מאַנגל אין בטחון, אַלעס דערלייגט, ווייל דורכ'ן זאָרגן, טוט דער מענטש דערווייטערן פון זיך די שפע...**

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט דווקא וועגן אַ 'פאָסטן' אין אַ ישיבה און וועגן פרנסה, נאָר **דאָס זעלבע איז ווען עס האַנדלט זיך וועגן שידוכים, רפואה אָדער אַנדערע באַדערפענישן, טאָר דער מענטש נישט זאָרגן. ער דאַרף וויסן און פאַרשטיין אַז דאָס וואָס ער זאָרגט דערויף, איז דאָ אַ באַשעפער וואָס זאָרגט פאַר אים אַסאַך מער...**

וואָס זענען נאָך נישט אין כלל פון 'עונשין', געדאַרפט געראַטעוועט ווערן פונעם מבול. נאָר מ'מוז בעל כרחך זאָגן אַז דער אויבערשטער כביכול האָט חרטה געהאַט אויף דעם עצם באַשאַף פונעם מענטש און פון דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ו, ז) 'אמחה את האדם וגו' כי נחמתי כי עשיתים'.

**אויב** אַזוי, וועסטו זיך וואונדערן, ווי אַזוי איז נח געראַטעוועט געוואָרן פונעם מבול? אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'ונח מצא חן בעיני ה'' (אָבער כדי מ'זאָל נישט זאָגן אַז ער איז נישט געווען אַ צדיק, און וועגן דעם האָט ער געדאַרפט האָבן חן כדי געראַטעוועט צו ווערן פונעם מבול), ווייל כאָטש ער איז געווען אַ צדיק, וועט זיין צדקות אים נישט ראַטעווען, נאָר ווייל ער האט געהאט חן. ווי אַזוי האָט ער באקומען דעם חן? - זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע - 'כי יש לך לדעת, שיש מצוה שתועלתה להמשיך חן על האדם, או בבחינת ג' או ד' מצוות ידועות' - וויסן זאָלסטו, אַז ס'איז דאָ אַ מצוה וואָס האָט דעם כח ממשיך צו זיין חן אויף דעם מענטש, אָדער אין דער בחינה פון דריי אָדער פיר באַקאַנטע מצוות, עיי"ש.

**דער** 'אור החיים' הקדוש אַנטפּלעקט אונז אָבער נישט דעם 'פּאַטענט' ווי אַזוי מ'קען געפינען חן אין די אויגן פונעם באַשעפער, אָבער מיר ווילן דאָך וויסן, ווייל ווער דאַרף דען נישט אָנקומען צו חן ביי דעם גרויסן קעניג פון די וועלט, אַז ער זאָל אים ראַטעווען פון די שטורמישע וואַסערן פונעם 'מבול', סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, און פון אַלע שוועריקייטן, צרות און נסיונות...

**זאָגט** אויף דעם דער 'חרדים' (פרק סו, אות עה), אַז אויב דער מענטש וויל געפינען חן אין די אויגן פון

---

אַזוי שרייבט דער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, אין זיין הייליגן ספר 'נועם אלימלך' (פ' בשלח) אויפ'ן פסוק (שמות טז, ד), 'ויאמר ה' אל משה, הנני ממטיר לכם לחם מן השמים ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו'. **דער אויבערשטער זאָגט צו משה רבינו ע"ה: איך בין גרייט צו געבן ברויט פאַר אידישע קינדער און משפיע זיין פרנסה פון הימל, אָבער וויבאַלד 'ויצא העם ולקטו', זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון זייער גדר, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט גענוג בטחון אַז איך וועל זיי שיקן די פרנסה, דעריבער 'ולקטו דבר יום ביומו', וועלן זיי מוזן אַרויסגיין יעדן טאָג זוכן פרנסה.**

דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל האָט געזאָגט, די אידן זענען געגאַנגען פערציג יאָר אין מדבר. ווען זיי האָבן געדאַרפט האָבן וואַסער, האָבן זיי זיך באַקלאָגט פאַר משה רבינו ע"ה, און וואָס האָבן זיי באַקומען? פון איין זייט, האָבן זיי באַקומען וואַסער (ווען משה רבינו האָט געשלאָגן דעם שטיין), און פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי 'דערלייגט' און שאָדן געהאַט זייער רבי'ן, משה רבינו ע"ה, ווייל דורך די מעשה פון די 'מי מריבה', איז משה נישט אַריינגעקומען אין ארץ ישראל. דאָס זעלבע ווען זיי האָבן געוואָלט עסן, האָבן זיי געוויינט דערויף, און וואָס האָבן זיי באַקומען? זיי האָבן באַקומען 'מן' פון הימל, אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי זיך געדאַרפט באַמיען אַרום דעם מן, צו קלויבן, מאָלן, און אַזוי ווייטער. נאָר לגבי די קליידער, וואו זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגערעדט דערויף, נאָר זיי האָבן זיך אינגאַנצן פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען אַז אַלעס וועט זיין ערלעדיגט, איז ביי זיי מקוים געוואָרן 'שמלתך לא בלתה מעליך' (דברים ח, ד), די קליידער זענען קיינמאָל נישט קאַליע געוואָרן. דאָס איז דערפאַר, ווייל **דער וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דעם אויבערשטען און ער באַקלאָגט זיך נישט אויף קיין שום זאַך, באַקומט אַלעס וואָס ער דאַרף, אָן שוועריגקייטן.**

## מן הבאר

דער חיד"א זי"ע זאָגט אַ טעם פאַרוואָס מיר געפינען ביי דעם יום טוב סוכות אַז מיר מאַכן אַ זכר צו די 'ענני הכבוד', אָבער פאַר דעם 'באר' (ברונעם) און דעם מן, האָט דער אויבערשטער אונז נישט באַפוילן צו מאַכן אַ זכר. זיי זענען דאָך אויך געקומען צו די אידן בדרך נס.

ענטפערט דער חיד"א (אין איינעם פון זיינע תירוצים), אַז דעם 'מן' און דעם 'באר', האָבן די אידן באַקומען נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך באַקלאָגט דערויף, און דעריבער מאַכט מען נישט פאַר זיי קיין זכר, ווייל **ס'איז נישט כדאי צו מאַכן אַ זכרון פאַר אַ זאַך וואָס איז געקומען פון אומצופרידנהייט.** אָבער צו די ענני הכבוד האָבן די אידן זוכה געווען אָן קיין שום באַקלאָגעניש, און דערפאַר מאַכט מען אַ זכר דערפאַר, מיט'ן בויען אַ סוכה.

באַשעפער, זאָל ער נישט ווערן אין כעס, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'ונח מצא חן בעיני ה'', און ער זאָגט נישט פאַרוואָס ער האָט געפונען חן. עס איז אָבער מרומז אין זיין עצם נאָמען - 'נח'. ער איז געווען 'נח בדיבורו ובמעשיו ובהילוכו' - געלאַסן אין זיין רעדן, און אין זיינע מעשים, און מיט זיין גאַנג (ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש). דעריבער האָט נח געפונען חן, ווייל דאָס וואָרט 'חן' האָט די זעלבע אותיות ווי 'נח', עכ"ד.

**ענליבע** ווערטער, זאָגט די גמרא (פסחים קיג:) אַז דער אויבערשטער האָט ליב דריי מענטשן: איינער וואָס בייזערט זיך נישט[ב], איינער וואָס ווערט נישט

---

**ב.** עס ווערט געברענגט אין 'ספר חסידים' (סימן תרנ"ה) אַ מעשה מיט אַ זון וואָס האָט כל ימיו גאָר שטאַרק מכבד געווען זיין טאַטן. פאַר'ן אַוועקגיין פון דער וועלט, האָט דער טאַטע געזאָגט צו זיין קינד: 'הער זיך איין, דו האָסט אַלע יאָרן מיך מכבד געווען אויף אַזאַ שיינעם אופן, ווייל איך דיר בעטן איין זאַך וואָס דו זאָלסט מיך נאָך מכבד זיין אויך שפּעטער: 'תלין את כעסך לילה אחד' - דו זאָלסט אייביג לאָזן איבערנעכטיגן דיין כעס איין נאַכט'.

דערציילט דער 'ספר חסידים', אַז דער זון האָט געפאָלגט זיין טאַטנ'ס אָנזאָג. אַ צייט שפּעטער, האָט דער זון, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, געדאַרפט אַוועקפאָרן אין אַ ווייטן לאַנד אויף לאַנגע יאָרן.

ער איז צוריקגעקומען אַהיים אינמיטן נאַכט, אָן איינמעלדן פריער פאַר זיינע בני בית אַז ער קומט אַהיים. די דירה האָט געהאַט צוויי שטאָק, און שטייענדיג אונטן הערט ער ווי זיין ווייב רעדט מיט אַ מענטש אויבן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי וואוינט מיט אַ נייעם מאַן, איז ער שנעל אַרויפגעלאָפן, און איז געווען גרייט צו הרג'ענען ביידע מיט זיין שווערד. אָבער אינמיטן לויפן אויף די טרעפּ האָט ער זיך דערמאַנט אין דער צוואה וואָס זיין טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט, צו לאָזן 'איבערנעכטיגן' זיין כעס, און ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון אַרויפלויפן אויבן צו זיי.

דערנאָך האָט ער געהערט ווי זיין פרוי זאָגט צו יענעם וואָס איז געווען מיט איר אויבן, "אַ שאַד, דו ווייסט, ווען דיין טאַטע איז אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער בכלל נישט געוואוסט אַז מיר גייען האבן אַ קינד, ווען ער ווייסט אַז ער האָט דאָ אַ קינד, וואָלט ער שוין לאַנג צוריקגעקומען, כדי דיך חתונה צו מאַכן'.

ווען דער מאַן האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: 'ברוך ה' שעצר כעסי, וברוך אבי שציוני לעצור כעסי לילה אחד'. געלויבט איז דער באַשעפער וואָס ער האָט איינגעהאַלטן מיין כעס, און געלויבט איז מיין פאָטער וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל איינהאַלטן מיין כעס איין נאַכט, וואָס אין דעם זכות האָב איך נישט גע'הרג'עט נישט דיך און נישט מיין זון. זיי האָבן זיך געפרייט מיט גאָר אַ גרויסע שמחה, און געפראַוועט אַ סעודה פאַר'ן גאַנצן ציבור וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, ע"כ.

עס איז באַקאַנט די מעשה פון הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע (מובא בספר "תורת המגיד מזלאטשוב"), אַז ער האָט געליטן פון דחקות און אָרימקייט. טראָץ זיין דחקות, האָט ער אָבער נישט געוואָלט פאַרקויפן די תפילין וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין טאַטע, הרה"ק רבי יצחק'ל דראָהביטשער זי"ע, טראָץ אַלע בעטענישן פון די רביצין ער זאָל עס פאַרקויפן כדי זי זאָל קענען געבן צו עסן פאַר די קינדער.

איין יאָר איז געווען אַ מאַנגל אין אתרוגים פאַר'ן יום טוב סוכות, און ווען רבי מיכל'ע האָט געהערט אַז עס איז דאָ אַ סוחר וואָס האָט באַוויזן צו באַקומען אַ מהודר'דיגן אתרוג, און איז גרייט צו פאַרקויפן דעם אתרוג פאַר'ן סכום פון פופציג רייניש - אַ גאר גרויסער סכום בימים ההם - האָט רבי מיכל'ע נישט צופיל געטראַכט, ער האָט פאַרקויפט זיין טאַטנ'ס תפילין, און פאַר דעם געלט האָט ער געקויפט דעם מהודר'דיגן אתרוג.

ווען די רביצין האָט עס באַמערקט, האָט זי אַראָפּגעביסן דעם פּיטום, און דער אתרוג איז פסול געוואָרן. רבי מיכל'ע איז אָבער נישט געוואָרן אין כעס, נאָר ער האָט אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן צום הימל, און געזאָגט:

- רבונו של עולם! קיין תפילין האָב איך נישט, קיין אתרוג האָב איך אויך נישט, זאָל איך נאָך זיין אין כעס אויך?!

שפּעטער האָט רבי מיכל'ע זוכה געווען צו זען זיין הייליגן טאַטן אין חלום, און דער פאָטער האָט אים געזאָגט:

- דיין זיך איינהאַלטן פון כעס, איז געווען אַסאַך אַ גרעסערע פעולה ווי דאָס וואָס דו האָסט פאַרקויפט די תפילין פאַר'ן אתרוג!

ווען הרה"ק בעל אמרי חיים זצ"ל פון וויזשניץ האָט דערציילט די מעשה, האָט ער צוגעגעבן מיט התפעלות:

- דאָס פאַרקויפן די תפילין איז דאָך אויך געווען אַ זאַך פון מסירות נפש, אַ מענטש וואָס האָט נישט צו עסן, און ער פאַרקויפט די תפילין קעגן זיין רצון, און דאָ האָט ער עס פאַרקויפט פאַר אַן אתרוג... **דאָס גאַנצע לעבן**

שיכור, און איינער וואס שטעלט זיך נישט אויף זיינע מידות[ג] (נאר ער איז א 'מעביר על מידותיו').

---

עס שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' (פרשתינו, דיבור א') אין נאמען פון 'ספר הישר' לרבינו תם, אז פארקויפט ער פאר א דבר מצוה, און אפילו הכי איז דאס נישט אנגעקומען צו איין איינהאלטן זיך פון כעס (ראה ספר 'שרפי קודש', ע' תרנה-תרנט).

הרב ר' נחמן גאלינסקי ז"ל (א זון פון דעם מגיד מישרים הגה"צ רבי יעקב גאלינסקי זצ"ל) איז בערוב ימיו ליידער געווען נישט געזונט רח"ל. וויבאלד מ'האט געדארפט האבן אסאך געלט לצרכי רפואה, האבן זיינע ידידים אדורכגעפירט געלט אפילס.

אמאל זענען זיי געווען אין א ישיבה אין ניו יארק, און ווען דער ראש ישיבה האט געהערט אז מ'זאמלט דא געלט פאר רבי נחמן גאלינסקי, האט דער ראש ישיבה געהייסן אפשטעלן דעם אפיל, און גזאגט, אז פאר ר' נחמן גאלינסקי נעמט ער אויף זיך דעם גאנצן עול, צו שאפן דאס געלט. וכך הוה, ער האט צוזאמענגערופן די בני הישיבה און געזאגט, 'מיר אלע זענען שולדיג פאר נחמן דאס גאנצע לעבן'.

דערנאך האט דער ראש ישיבה דערציילט, אז ער האט געשטאמט פון א שוואכע משפחה אין ניו יארק, און איז געקומען לערנען אין א ישיבה אין בני ברק. אמאל ווען דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט אין ישיבה א שיעור כללי, האט ער, דער בחור, געווארפן אינמיטן שיעור געפאלן א 'פליגער' פון פאפיר אויפ'ן ראש ישיבה...

האט דער ראש ישיבה פארמאכט די גמרא, און געזאגט, אז דער וואס האט געווארפן אויף אים דעם 'פליגער', זאל שוין פארלאזן די ישיבה. ס'איז זעלבסט פארשטענדליך, אז קיינער האט זיך נישט אויפגעהויבן פון ארט, און אזוי איז געווען אויך א צווייט מאל, אבער דער ראש ישיבה האט ווידער געזאגט, אז ער וועט נישט פארזעצן צו זאגן דעם שיעור ביז דער 'פליגער'-ווארפער וועט נישט ארויסגיין פון שיעור. האט ר' נחמן גאלינסקי - איינער פון די בחורים ביים שיעור - זיך אויפגעהויבן און איז ארויסגעגאנגען...

א פאר טעג שפעטער האט זיין פאטער, רבי יעקב גאלינסקי ז"ל, זיך משתדל געווען מ'זאל צוריק ארייננעמען זיין זון נחמן אין ישיבה. האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט:

- איך בין געווען דער וואס האט באמת געווארפן דאס פעקל אויפ'ן ראש ישיבה... אויב איך וואלט געדארפט פארלאזן די ישיבה דעמאלס, וואלט איך ח"ו נאך מער קאליע געווארן, ווייל כ'האב שוין נישט געהאלטן ביי גארנישט. איך וואלט מעגליך אפילו שוין אראפגענומען דעם קאפל פון קאפ ח"ו, אבער זעענדיג ווי נחמן גאלינסקי האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אויף זיך דאס 'פעקל', כאילו ער איז געווען דער וואס האט געטוהן די געפערליכע עוולה פון ווארפן דאס שטיקל פאפיר אויפ'ן ראש ישיבה אינמיטן שיעור, האב איך זיך מיישב געווען, אויב א מענטש קען דערגרייכן אזעלכע הויכע מדריגות אין מידות טובות, ווי אזוי האט ער געקענט טוהן אזא זאך, נעמען אויף זיך דאס פעקל, האט דאס אין מיר אריינגעגעבן א מחשבה טובה פון התעוררות, אויב אזוי מוז איך זיך נעמען צום לערנען, און ממילא בין איך און איר אלע שולדיג פאר נחמנ'ען א הכרת הטוב. אין זיין זכות בין איך געווארן א ראש ישיבה און מרביץ תורה!

**ג.** מיר האבן געהערט פון א יונגערמאן פון אונזער חבורה, א מעשה וואס האט פאסירט מיט זיינס א באקאנטן אין יאר תשע"ז. אנהייב יאר האט א געוויסע קהילה אין אמעריקע פאררופן א וויכטיגע אסיפה, וואו מ'האט איינגעזאמלט אלע 'שדכנים' וואס געפינען זיך אין יענער קהילה, כדי זיי מעורר צו זיין זיך ארייננצולייגן אין דער הייליגער ארבעט דורכצופירן גוטע שידוכים פאר עלטערע בחורים, וואס האבן זיך דעמאלס געמערט אין יענער קהילה... למעשה, האט מען איין שדכן פון יענע קהילה נישט גערופן צו די אסיפה (און ס'איז נישט קיין חילוק, צוליב וואס פאר א 'חשבון' מ'האט אים נישט גערופן צו דער אסיפה). דער שדכן איז גאר שטארק געטשעפעט געווארן דערפון, און מיט רעכט... בפרט אז ביי יענע אסיפה האט מען צוגעזאגט אז די קהילה וועט צאלן א שיינעם סכום פאר יעדן שדכן וואס געפונט זיך דא און וועט אויספירן א שידוך, און יענער שדכן איז דאך נישט ביים אסיפה און איז דעריבער ארויסגעפאלן פונעם 'צוזאג'. אויך האט ער נישט באקומען די ליסטע פון די בחורים וואס ווארטן אויף זייער זיווג, אזוי ווי די אנדערע שדכנים וואס האבן זיך באטייליגט אין דער אסיפה האבן באקומען...

יענער שדכן האט זיך אבער נישט געקימערט דערמיט, און ער איז נישט געווארן צובראכן פונעם 'קלאפ', נאר ער האט זיך געשטארקט מיט איבערנאטורליכע כוחות, און האט ווייטער פארגעזעצט מיט די הייליגע ארבעט צו

כאָטש דער מענטש האָט אַ בחירה, אויסצואוויילן דעם גוטן וועג אָדער פאַרקערט ח"ו, אָבער אויב דער מענטש געפינט חן אין די אויגן פון באַשעפער, טוט דער אויבערשטער אים אויפהייבן העכער פון די בחירה, אַז ער זאָל דאַרפן מצד זיין טבע און זיין מהות, טוהן נאָר גוטס, און ער איז זוכה צו דעם אַלעם, ווייל ס'איז אָנגעגרייט אַרויסצוקומען פון אים ערליכע דורות ('זרע כשר וצדיק').

**זאָגט** דער 'ישמח ישראל', אַז די ווערטער פון ביידע, סיי פונעם 'ספר הישר', און סיי פונעם 'חרדים', האָבן איין כוונה, ווייל איין זאַך ברענגט דאָס אַנדערע. דער וואָס היט זיך פון כעס און פון רוגזא, און ער איז געלאַסן אין זיינע רייד, אין זיין גאַנג, און אין זיינע מעשים, איז זוכה צו ערליכע קינדער, און ממילא איז ער זוכה צו חן.

**דאָס** איז די כוונה פונעם פסוק, 'ונח מצא חן'. נח האָט זיך געפירט רואיג און געלאַסן מיט מענטשן, ער איז געווען אַ 'מעביר על מידותיו'[ד], און צוליב דעם האָט ער זוכה געווען אַז ס'זאָלן אַרויסקומען פון אים ערליכע קינדער, אברהם אבינו ע"ה און אַלע אַנדערע

---

פרובירן אַדורכפירן שידוכים, נישט מאַכנדיג אַ 'טומל' וועגן דעם וואָס מ'האָט אים נישט איינגעלאַדן צו דער פאַרזאַמלונג פון די שדכנים. און וואונדער איבער וואונדער: ענדע יאָר תשע"ז, האָט דער שדכן געמאַכט אַ חשבון און אַ סך הכל פון גאַנצן יאָר, און ער האָט געזען אַז אין משך פונעם יאָר האָט ער אויסגעפירט 19 שידוכים, אַסאַך מער ווי ער האָט אויסגעפירט אין די פריערדיגע יאָרן.

דער קלויזענבורגער רב, הרה"ק בעל 'שפע חיים' זי"ע האָט געזאָגט: דעם לולב, פאַרברענט מען ערב פסח. דעם אתרוג, עסט מען חמשה עשר בשבט. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן די ערבות זוכה געווען אַז זיי ווערן באַלד הושענא רבה (נאָך די הושענות) אַרויפגעלייגט אויפ'ן ארון הקודש, די ערבה האָט דאָך נישט קיין טעם און נישט קיין ריח (ווי דער מדרש זאָגט אין פרשת אמור)?

איז דער תירוץ, אַז אדרבה, כאָטש די ערבה האָט נישט קיין שום ווערד, אָבער פונדעסטוועגן, **וויבאַלד מ'האָט עס אויסגעקלאַפּט פינף מאָל אויף דער ערד, איז עס זוכה צו שטיין אויף אַ מדרגה צו שטיין העכער דעם ארון הקודש.** פון דעם קען מען לערנען וועגן דעם כח פון די וואָס שווייגן אויך אויב עמיצער 'קלאַפּט' זיי, און זיי נעמען אָן באהבה זייער פאַרשעמונג.

**ד.** ווי באַקאַנט, האָט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, געהאַט גרויס התנגדות צוליב זיינע אַקטיוויטעטן לטובת הכלל. דאָס האָט זייער ווי געטוהן פאַר'ן גערער רבי'ן, און ער האָט געוואָלט מיט אַלע כוחות איינשטילן און באַרואיגן די געמיטער פון זיינע קעגנער. אַמאָל זייענדיג אין קור-אָרט מאַרינבאַד, האָט ער דאָרט באַגעגנט דעם נאוואמינסקער רבי'ן זי"ע, און דער גערער רבי האָט אים שטאַרק געבעטן אַז ער זאָל זען צו באַרואיגן די געמיטער פון זיינע קעגנער. האָט דער נאָוואָמינסקער רבי געזאָגט צום גערער רבי'ן:

- מיר זענען אייניקלעך פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, און ס'איז אָנגענומען אין דער משפחה, אַז **דער בעל שם טוב האָט געזאָגט, אַז אויב אַ מנהיג האָט נישט קעגן זיך אַ התנגדות, שאַדט עס אים חלילה צו זיין אריכות ימים.**

ווען דער 'אמרי אמת' האָט געהערט די ווערטער פונעם נאָוואָמינסקער רבי'ן, האָט ער זיך באַרואיגט, ווייל דורך די התנגדות וועט ער דאָך האָפענטליך זוכה זיין צו לעבן לאַנג אויף דער וועלט (דער 'אמרי אמת' איז טאַקע נסתלק געוואָרן אין ירושלים שבועות תש"ח, זייענדיג העכער די אַכציג יאָר).

לויט דעם האָט זיין זון און ממלא מקום אַלס גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, געטייטשט די ווערטער פון רש"י ז"ל אָנהייב היינטיגע סדרה, 'יש מרבותינו דורשין אותו לשבח, ויש שדורשין לגנאי'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זענען געווען אידן וואָס האָבן גע'דרש'ענט נח'ן לגנאי? נאָר די דאָזיגע 'דורשים לגנאי' האָבן מיט זייער דרשה לגנאי גורם געווען אַז נח זאָל האָבן אריכות ימים. און אַזוי געפינען מיר טאַקע, אַז נח האָט גאָר לאַנג געלעבט. אין צייט פונעם מבול איז נח געווען זעקס הונדערט יאָר אַלט, און נאָכ'ן אַרויסקומען פון די תיבה האָט ער געלעבט נאָך 350 יאָר, כאָטש דער לייב האָט אים געביסן אין די טעג פונעם מבול אין אַזאַ הויכן עלטער (אין יענע צייטן, האָבן מענטשן געלעבט בערך 400 יאָר). **צו דעם אַלעם האָט נח זוכה געווען נאָר דורך די קעגנערשאַפט וואָס ער האָט געהאַט,** און ס'איז מעגליך אַז דאָס איז טאַקע געווען די כוונה פון די וואָס האָבן אים גע'דרש'ענט לגנאי, גורם צו זיין פאַר נח'ן אריכות ימים מער ווי די געוועהנליכע מענטשן אין זיין דור.

צדיקים אויף דער וועלט, און ממילא, האָט ער געפונען חן אין די אויגן פונעם באַשעפער, און ער האָט זוכה געווען צו אַלע סאָרטן טובות און ברכות.

די ספרים זאָגן אויפ'ן פסוק (תהלים מה, ג) 'הוצק חן בשפתותיך'. לכאורה איז שווער, פאַרוואָס כאַפּט אָן דוד המלך ע"ה די 'ליפּן' ('שפתותיך'), און נישט דאָס 'מויל'? מיט די ליפּן זאָגט דער מענטש אַרויס נאָר פיר אותיות ב' ו' מ' פ', אָבער די אַנדערע אותיות זאָגט מען אַרויס מיט'ן גומען, מיט'ן האַלדז, מיט די צונג, און מיט די ציין. אויב אַזוי, פאַרוואָס לויבט דוד המלך ע"ה דווקא די 'ליפּן', און נישט דאָס 'מויל', וואָס מ'זאָגט אַרויס דערמיט אַלע אותיות?

**איז** דער תירוץ, אַז דער מענטש באַקומט 'חן' ווען ער האַלט זיך צוריק פון אַרויסזאָגן ווערטער וואָס שטייען אים 'אויף דער צונג', און ער וויל עם שוין אַרויסזאָגן... אָבער ער האַלט זיך צוריק דערפון אין דער מינוט פון אַ נסיון. דורך דעם איז ער זוכה צו 'חן'.

**צוליב** דעם לויבט דוד המלך ע"ה די 'ליפּן', ווייל דעם גרעסטן לויב פאַרדינט דער מענטש וואָס האַלט זיך צוריק פון זאָגן אַ 'וואָרט' וואָס געפינט זיך נאָך נאָר צווישן זיינע ציין און די ליפּן, וואָס זענען אַזוי ווי צוויי מויערן אויף די ווערטער וואָס קומען אַרויס פונעם מענטש'ס מויל. דער וואָס האַלט זיך צוריק אין דער לעצטער מינוט, ווען די ווערטער שטייען אים שוין גרייט אויף זיינע ליפּן, צו 'שטעכן' יענעם מיט שפּיציגע רייד, און פונדעסטוועגן שטאַרקט ער זיך אויף זיין נאַטור, נישט רעדן וואָס מ'טאָר נישט רעדן, איז ער דורך דעם זוכה צו נשיאות חן אין די אויגן פון דעם אויבערשטען און פון מענטשן, און ווי דוד המלך ע"ה פירט דאָרט אויס: 'על כן ברכך אלוקים לעולם'.

**ביי** נח געפינען מיר אויך, אַז דער פסוק זאָגט עדות אויף אים, 'איש צדיק תמים' (ו, ט), און די גמרא זאָגט (ע"ז ו.) אַז דאָס וואָרט 'תמים' מיינט, 'תמים בדרכיו, צדיק במעשיו'. זאָגט רש"י, 'תמים בדרכיו - עניו ושפל רוח'.

**זאָגט** דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים (שיחות מוסר, תשל"ג), אַז מ'קען זאָגן אַז צוליב דעם האָט נח זוכה געווען צו געפינען חן, ווייל ער איז געווען אַ עניו, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, לד) 'ולענוים יתן חן'. אויך אין די גמרא געפונען מיר (סנהדרין צב.) רבי אלעזר האָט געזאָגט, 'לעולם הוי קבל וקיים'. זאָגט רש"י, 'הוי עניו ותחיה'. אויב דו וועסט זיך האַלטן קליין, וועסטו לעבן.

**אַזוי** שרייבט דער 'ישמח ישראל' (פ' מקץ, ד"ה 'ויאמר'), אויפ'ן פסוק (בראשית מג, כט) 'ויאמר הזה אחיכם הקטן אשר אמרתם אלי, ויאמר אלוקים יחנך בני', אַז חז"ל זאָגן, אַז בנימין ווערט דאָ אָגערופן 'אחיכם הקטן', ווייל ער האָט זיך געהאַלטן קליין. זאָגט דער 'ישמח ישראל', ס'איז באַקאַנט אַז עס זענען דאָ מצוות 'סגוליות' - דאָס הייסט, געוויסע מצוות אַנטהאַלטן אין זיך אַ סגולה, צום ביישפּיל, כיבוד אב, וואָס איז מסוגל אויף אריכות ימים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כ, יב) 'כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך'.

**זאָגט** דער 'ישמח ישראל', אַז די סגולה פון דער מדה פון ענוה איז, אַז דער וואָס האַלט זיך קליין, איז זוכה צו חן, און אַזוי אויך פאַרקערט, דער נאָר וואָס

פון דעם קענען מיר זיך אַראָפּלערנען אַ מוסר השכל, אַז ווען מ'האָט קעגן זיך מענטשן וואָס מאַכן אַמאָל 'ענג' חלילה, זאָל מען פאַרשטיין אַז **אַלעס איז נאָר פאַר די טובה פונעם מענטש**, און ער דאַרף דעמאָלס זיין אַ 'מעביר על מידותיו', נישט צו ווערן אין כעס אויף יענעם, און אים נישט צוריקצאָלן פאַר דעם וואָס ער האָט אים גורם געווען אַ צער.

## מן הבאר

הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע זאָגט, אויף די ווערטער פונעם תנא (אבות פ"ב מ"י) 'אל תהי נוח לכעוס', אַז ממה נפשך, טאָר דער מענטש נישט איילן זיך צו בייזערן, ווייל אויב כעס איז אַן עבירה, טאָר ער דאָך נישט עובר זיין אַן עבירה און זיך בייזערן, און אויב דער דאָזיגער כעס וואָס ער האָט איז לשם שמים, און עס איז אַ מצוה, דאַרף ער זיך אַוודאי נישט איילן צו בייזערן, **ווייל צו אַ 'מצוה' דאַרף מען דאָך האָבן אַ 'הכנה'**, און צוגיין צו די מצוה מיט ישוב הדעת... (חידושים על הש"ס, ברכות כט: ד"ה ועוד, פ' נשא, ד"ה 'קח')

האַלט זיך גרויס, ער רעדט זיך איין אַז ער איז אַ צדיק, איז פאַרפיינטעט און פאַר'מיאוס'ט.

**דאָס** האָט יוסף הצדיק מרמז געווען פאַר זיינע ברידער די שבטים, אַז וויבאַלד בנימין האָט די מדה פון ענוה, ער האַלט זיך קליין, וועט ער זוכה זיין אַז דער אויבערשטער וועט אַרויפציען אויף אים אַ חוט של חסד, און דעריבער האָט ער אים געבענטשט מיט די ברכה 'אלוקים יחנך בני', וואָס איז אַן ענין פון נשיאות חן.

### בתר רישא אזיל - הייליגן דעם אָנהייב פונעם יאָר מיט אַ 'קאָך' און אַ 'ברען'

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער פרשה (בראשית ט, כ) 'ויחל נח איש האדמה ויטע כרם', שרייבט דער 'ספורנו', אַז נח האָט אָנגעהויבן מיט אַ זאַך וואָס איז נישט געווען שיין, און פון דעם זענען דערנאָך אַרויסגעקומען 'מעשים אשר לא יעשו', ווייל אַ קליינער קלקול אין אָנהייב פירט צו אַ פיל גרעסערן קלקול ביים סוף[ה], עכ"ד.

**מ'דאַרף** זיך אַסאַך מתבונן זיין אין די ווערטער פונעם 'ספורנו', ווי ווייט מ'דאַרף היטן אויפ'ן אָנהייב פון יעדער זאַך, אַז ס'זאָל זיין בקדושה און מיט'ן גאַנצן שלימות, ווי צום ביישפיל, ביים אויפשטיין אינדערפרי[ו], און דאָס איז נאָך פילפאַכיג מער געזאָגט געוואָרן ווען מ'האַלט ביים אָנהייב פונעם יאָר[ז].

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט ('עירין קדישין', חודש חשון) אַ טעם פאַרוואָס דער חודש ווערט אָנגערופן 'מרחשון', ווייל די גמרא זאָגט (מגילה כא:) אַז

---

**ה.** על דרך משל, אַ מענטש טוט אָן אין איילעניש אַן אַנצוג. ער האָט אָבער אַריינגעלייגט דעם אויבערשטען קנעפל אין דעם צווייטן לאָך, און אַזוי האָט ער אָנגעקנעפלט אַלע קנעפ ביז אונטן, און ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט אַז דער אנצוג ליגט נישט גוט אויף אים... בלית ברירה, דאַרף ער יעצט צוריק עפענען אַלע קנעפּ, און צוריק איינקנעפלען דאס רעקל געהעריג. דאָס אַלעס צוליב זיין טעות אינעם 'ראשית'...

**ו.** דער פסוק זאָגט (בראשית ד, ב-ז), 'וקין היה עובד אדמה, ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה', והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלביהן. וישע ה' אל הבל ואל מנחתו, ואל קין ואל מנחתו לא שעה. ויחר לקין מאד ויפלו פניו, ויאמר ה' אל קין, למה חרה לך ולמה נפלו פניך. הלא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ, ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו'.

זאָגט דער מאָדזשיצער רבי, הרה"ק בעל 'דברי ישראל' זי"ע ס'איז באַקאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אויפ'ן פסוק (שמות יג, ב) 'קדש לי כל **בכור**', אַז די הויפט עבודה פון אַ איד איז צו הייליגן דעם 'ראשית'. [דאָס איז מרומז אין דעם 'בכור', וואָס איז אַן ערשטער געבוירענער], און אין דעם כלל איז אויך **דער אָנהייב פון דעם טאָג. לויט דעם אָנהייב, אַזוי זעט אויס דער גאַנצער טאָג**, 'גופא בתר רישא גריר'.

צוליב דעם האָבן חז"ל מתקן געווען צו זאָגן 'מודה אני', באַלד ווען מ'שטייט אויף פון שלאָף, נאָך איידער מ'לייגט אַראָפּ די פוס אויף דער ערד, כדי די ערשטע זאַך וואָס מ'וועט טוהן ביים אָנהייב פונעם נייעם טאָג, זאָל זיין אַ דבר שבקדושה.

און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'לפתח חטאת רובץ'. **די הויפט גליסטונג פון דעם יצר הרע איז 'לפתח' - צו שטרויכלען דעם מענטש ביים אָנהייב פון דעם טאָג, און ביים אָנהייב פון יעדן דבר שבקדושה**, ווייל דאַן וועט דער גאַנצער טאָג שוין חלילה זיין 'זיינער', און דאָרטן דייקא דאַרף דער מענטש זען צו געוועלטיגן אויף אים. 'ואתה תמשל בו'. **אויב דו וועסט זיך אָנשטרענגען אָנצוהייבן גוט, וועסטו קענען באַהערשן דעם יצר הרע.**

דאָס איז געווען דער חילוק צווישן קין און הבל. הבל האָט געבראַנגט 'מבכורות צאנו'. דאָס הייסט, ער האָט געהייליגט דעם אָנהייב פון יעדן טאָג מיט עבודת השם. ממילא איז זיין תפילה געווען ריין און ציכטיג, און דעריבער 'וישע ה' אל הבל ואל מנחתו'. דער אויבערשטער האָט אָנגענומען זיין עבודה.

קין איז אָבער געווען אַן ערד-אַרבעטער. די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטוהן אָנהייב טאָג, איז געווען די פעלד-אַרבעט. נאָר שפּעטער, ביים סוף פון טאָג, איז ער געגאַנגען דאַווענען, אַזוי ווי ס'איז מרומז אינעם פסוק, ויבא קין מפרי האדמה 'מנחה' לה'. ער איז געגאַנגען דאַווענען ערשט פאַרנאַכטס, ווען מ'דאַוונט שוין מנחה... וויבאַלד ער האָט פריער געאַרבעט אויפ'ן פעלד, איז אויך זיין תפילה געווען פאַרמישט מיט 'פרי האדמה' - מיט מחשבות זרות פון פרנסה און פעלד-אַרבעט. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער נישט אָנגענומען זיין מנחה.

דער 'דברי ישראל' פירט אויס, ס'איז באַקאַנט אַז די **תורה איז אַ נצחיות. אַזוי איז אין יעדן דור דא אַ בחינה פון 'קין', און אַ בחינה פון 'הבל'. אויב דער מענטש נוצט אויס דעם אָנהייב פונעם טאָג פאַר הבלי עולם הזה, וועט דער גאנצער טאָג אויסזען אַזוי, און אויך ווען ער גייט שפּעטער דאַוונען, איז עס קודש 'מפרי האדמה'... מיט מחשבות זרות פאַרזינקען אין גשמיות. אָבער ווען ער נעמט דעם אָנהייב פונעם טאָג פאַר עבודת הבורא מיט תורה ותפילה, 'אחד המרבה, ואחד הממעיט', איז אויך ווען ער גייט שפּעטער האַנדלען, איז ער נישט פאַרזונקען אינעם האנדל, נאָר ער האַנדלט מיט אמונה און בטחון, און אויך דאָס איז תורה,** 'ודי למבין'.

לויט דעם, טייטשט דער 'דברי ישראל' דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ו, כ) 'מהעוף למינהו'. 'מהעוף' איז אַ רמז אויף דער מחשבה, וואָס פליט אַריין אין קאָפּ פונעם מענטש ווען ער דאַוונט. די מחשבות בשעת'ן דאַוונען, זענען 'למינהו' - **פון זעלבן סאָרט מחשבות וואָס ער האָט געטראַכט פאַרן דאַוונען. אויב ער האָט עוסק געווען אין תורה און עבודה, זענען די מחשבות ביים דאַוונען פונעם זעלבן מין און ענין - הייליגע און ריינע מחשבות. אָבער אויב פאַרן דאַוונען איז ער געווען פאַרזינקען אין הבלי עולם הזה, קומען אַריין אין זיין האַרץ בשעת'ן דאַוונען מחשבות זרות רח"ל.** דער 'דברי ישראל' פירט אויס: 'והוא בדוק ומנוסה וברור למבין'.

**ז.** אַ היימישער איד אין לאנדאן, האָט פאַרמאָגט אַסאַך בנינים אין דער גאָלדערס גרין געגנט פון שטאָט. ער פלעגט פאַרדינגען די דירות פאַר אַנדערע מענטשן, און פון דעם האָט ער געצויגן זיין פרנסה. ער האָט מקפּיד געווען נישט צו פאַרדינגען פון זיינע דירות פאַר גוים, ספּעציעל נישט פאַר שווארצע, וואָס זענען באַקאַנט אלס אַ שווער פאָלק, גנבים און גזלנים וואָס צאָלן נישט דעם 'רענט' פאַר די אייגנטימער.

יאָרן צוריק, ווען ס'זענען געקומען שווערע צייטן און דער גאַנצער ריעל עסטעיט האַנדל איז געפאַלן, זענען אַסאַך פון זיינע דירות געשטאַנען ליידיג. אין אַ טאָג איז געקומען אַ שוואַרצער גוי און געוואָלט דינגען ביי אים אַ דירה. דער גוי האָט זיך אַהערגעשטעלט ווי אַ רייכער סוחר, און געזאָגט אַז ער פאַרמאגט עטליכע געשעפטן. און אַזוי האָט דער איד מסכים געווען אים צו פאַרדינגען איינע פון זיינע דירות, וואָס זענען סיי-ווי געשטאַנען ליידיג.

ס'איז אָבער אַדורך אַ חודש, צוויי חדשים, דריי חדשים און פיר חדשים, און 'אין קול ואין עונה'... עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גוי איז אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב, און ער האָט נישט געוואָלט באַצאָלן 'רענט' פאַר דער דירה אפילו אַ פּרוטה.

ווען דער אידישער סוחר האָט געזען אַז 'כלו כל הקיצין' - דער גוי האַלט נישט ביים באַצאָלן 'רענט' פאַר'ן וואוינען אין דער דירה, האָט דער איד אים גערופן אין געריכט, וואו דער שופט האָט געהערט זיינע טענות און געפרעגט דעם גוי וואָס ער האָט צו ענטפערן דערויף. האָט דער גוי געענטפערט אַז ער דאַרף אים נישט באַצאָלן אַפילו אַ פּרוטה, ווייל ער האָט באלד אין אָנהייב געהאַט נאָר צרות אין דער דירה. דאָס וואַסער איז קיינמאָל נישט אָנגעוואַרימט געוואָרן, די ווענט האָבן זיך כסדר געשיילט מער און מער, די טירן פון דעם הויז מאכן אַ שרעקליכן רעש צוליב דעם וואָס זיי זענען פאַרזשאַווערט און פאַרראָסטעט, דאָס וואַסער אינעם קראַן איז שמוציג. ווינטער איז קאַלט, און זומער איז הייס... און נאָך און נאָך אזעלכע טענות און אויסריידן וואָס מ'קען נישט אויפצייזן זייער פאַלשקייט.

ביי דעם איד אין די אויגן האָט שוין אויסגעזען ווי ער גייט ח"ו פאַרלירן דעם משפּט, ספּעציעל אַלס רעזולטאַט פון דעם פאַקט וואָס די ריכטער אין אייראָפּע זענען באַקאַנט אַלס שונאי ישראל, און דערצו טוהען די לאַנד-געזעצן צוהעלפן אַסאַך פאַר דעם טענענט וואָס דינגט אַ דירה. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט טוהן...

צום סוף האָט דער שופט געפרעגט דעם גוי'אישן גוי'אישן טענענט, אויב ער האָט כאָטש איינמאָל יאָ באַצאָלט דעם רענט. האָט דער גוי געענטפערט, 'ניין, ניין... פאַרוואָס זאָל איך צאָלן פאַר אַזאַ דירה'... האָט דער ריכטער געזאָגט צו דעם גוי'אישן טענענט:

- יעצט זע איך אַז דו ביסט טאַקע אַ פולשטענדיגער גנב און שווינדלער. אויב איך וואָלט געזען אַז דו האָסט אין אָנהייב באַצאָלט דעם רענט, וואָלט אפשר געווען אַן אָרט אָנצונעמען אַלע דיינע טענות. אָבער וויבאַלד דו האָסט קיינמאָל נישט באצאלט רענט, זע איך דאָך פון דעם אַז דו האָסט קיינמאָל נישט געטראַכט צו באַצאָלן, און אַלע דיינע טענות זענען נישט מער ווי אויסריידן, ווייל דו ווילסט נישט באַצאָלן אַפילו אַ שוה פּרוטה. יעצט מוזטו באַצאָלן דעם גאַנצן רענט, פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דו וואוינסט אין דער דירה, ביז היינט.

אויך נאָך דעם ווי דער מענטש ענדיגט דאַווענען, אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך נאָך נישט פאַרזוימט די צייט וואָס עס דויערט צו גיין אַ וועג פון פיר איילן, איז זיין תפילה נאָך אַלץ 'סדורה בפיו', זיינע ליפּן 'שאָקלען' זיך נאָך, און זאָגן די ווערטער פון זיין תפילה.

**האָט** דער רוזינער געזאָגט, אַז דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן חודש חשון. נאָך די פילע געהויבענע תפילות פון חודש תשרי, טוען אונזערע ליפּן זיך נאָך אַלץ 'שאָקלען', אויך אין חודש חשון, פון די תפילות וואָס מיר האָבן געדאַוונט אין חודש תשרי[ח]. דאָס לערנט אונז, אַז מיר האָבן נאָך אַלץ אַ שייכות צו דער עבודה פון די הייליגע טעג שעברו עלינו לטובה[ט], און צו די אַלע גוטע השפעות וואָס די הייליגע טעג האָבן געברענגט.

**אין** דער היינטיגער פרשה לייענען מיר אויך (ט, יג) 'את קשתי נתתי בענן, והיתה לאות ברית ביני ובין

---

הגה"צ רבי אלחנן האַלפּערן זצ"ל אב"ד ראַדאַמישלא, וועלכער האָט געוואוינט אין דער גאָלדערס גרין געגנט, פלעגט אַרויסלערנען פון דער מעשה אַ לימוד וועגן די תשובה און גוטע קבלות וואָס מיר נעמען אויף זיך אין די הייליגע טעג פון חודש תשרי. אָט גייען אַריבער די הייליגע טעג, און באַלד הייבט יעדער איינער אָן מיט זיינע תירוצים: ער אַרבעט שווער אויף פּרנסה, אָדער ביים ערציען די קינדער, אָדער ער האָט אַ נישט גוטע חברותא, די ישיבה און דער כולל זענען נישט גוט, און אַזוי ווייטער. **אָבער אויב ער האָט כאָטש ביים אָנהייב פון וועג 'באַצאָלט' זיינע קבלות** (דאָס הייסט, אַז ער האָט באַלד ביים אָנהייב פּרובירט היטן זיינע גוטע קבלות), **קען מען זאָגן אַז ער האָט רעכט מיט זיינע תירוצים. אָבער איינער וואָס האָט באַלד אָנהייב יאָר, ווען ער האָט נאָך נישט מקיים געווען זיינע קבלות, האָט ער שוין תירוצים פאַרוואָס ער קען נישט האַלטן די קבלות, איז דאָך אַ גרויסער ספק אויב זיינע קבלות זענען אַמאָל געווען מיט אַן אמת...**

מיר האָבן געהערט פון אַ איד אַ צדיק, אַ וואָרט אויף די ווערטער פון מדרש (ב"ר פי"ט) אויפ'ן פּסוק אין דער פריערדיגער פרשה (בראשית ג, יב) 'ויאמר האדם האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל'. זאָגט דער מדרש, דער פּסוק זאָגט נישט '**ואכלתי**', נאָר '**ואוכל**', (וואָס קען געטייטשט ווערן אויך אויפ'ן עתיד), אַז נישט נאָר וואָס ער האָט שוין געגעסן, נאר ער וועט ווייטער עסן נאָך פונעם עץ הדעת. פרעגן די ספרים הקדושים, צי דען האָט אדם הראשון געזוכט חלילה צו טוהן להכעיס און זאָגן פאַר'ן באַשעפער אַז ער וועט זינדיגן נאָך מער ח"ו?

איז דער תירוץ, ווייל דער מדרש זאָגט, אַז אדם הראשון האָט נישט באַלד מודה געווען אַז ער האָט געזינדיגט, נאָר ער האָט אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן מיט תירוצים, אַז 'זי' (חוה) איז שולדיג... זי האָט מיר געגעבן צו עסן פון די פּירות פונעם בוים. דאס איז געווען א באַוויז אַז ער האָט אין פּלאַן ווייטער צו עסן פון די פּרוכט...

**ח.** דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָט געזאָגט אַ משל: אַ ראָד וואָס דרייט זיך אויף דער ערד, אויך נאָך דעם ווי עס פאַרליערט דעם כח צו שטופּן, קיינער דרייט עס נישט מער, וועט עס זיך ווייטער קאָלערן, ווייל עס געפינט זיך נאָך אונטער דער השפּעה פון דער פריערדיגער פּעולה פונעם קאָלערן.

דער נמשל איז, אונזער מויל האָט אַסאַך מתפלל געווען, און געדאַנקט און געלויבט דעם אויבערשטען, און מ'האָט מרבה געווען מיט בקשות און תחינות אין די הייליגע טעג. ממילא, אויך ווען די טעג גייען אריבער, דערקענט זיך נאָך אַלץ, און עס ציט זיך נאָך די השפּעה פון קדושה אויפ'ן חודש חשון וואָס קומט דערנאָך.

**ט.** די גמרא זאָגט (תענית י.) אַז מ'הייבט אָן צו בעטן אויף רעגן (אין ארץ ישראל) אין דעם זיבעטן טאָג פון חודש חשון, פופצן טעג נאָך יום טוב סוכות, כדי דער לעצטער איד וואָס האָט עולה געווען קיין ירושלים, זאָל צוריק קענען אָנקומען צום טייך פּרת אין בבל. דאָס מיינט אַז די עולי רגלים זאָלן נישט האָבן קיין צער ווען זיי קערן זיך אהיים, און עס רעגנט אויף זייער.

איז לכאורה שווער, אַז לויט דעם וואָלטן זיי געדאַרפט אויפהערן בעטן אויף רעגן ראש חודש ניסן, וואָס איז פופצן טעג פאַר יום טוב פּסח. כדי אַז די עולי רגלים וואָס זענען עולה רגל אין פּסח צום בית המקדש אין ירושלים, זאָלן נישט דאַרפן גיין אַהין ווען עס רעגנט אַרויף אויף זיי.

קען מען ענטפערן בדרך רמז, אַז חז"ל האָבן אונז געוואָלט לערנען אַז **מ'קומט נישט צוריק פונעם יום טוב מיט בלאָטע אויף די פיס...** דאָס מיינט, מ'קען נישט צוריקגיין צום טאָג-טעגליכן לעבנס-שטייגער גלייך ווי עס וואָלט נישט ערשט געווען די ימים נוראים, דער יום טוב סוכות, שמיני עצרת און שמחת תורה... דער מענטש דאַרף זיך זען אַלס 'ריין', און אָנהייבן אַלעס פון 'בראשית'.

הארץ'. דער באַשעפער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט מער נישט ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט, און ער האָט געגעבן אַ צייכן דערויף, דעם רעגנבויגן. דורך דעם רעגנבויגן, 'וזכרתי את בריתי אשר ביני וביניכם'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, צי דען דאַרף דער גרויסער באַשעפער אַ צייכן און אַ דערמאַנונג מער נישט צו ברענגען אַ מבול אויף דער וועלט? מיר ווייסן דאָך, אַז 'אין שכחה לפני כסא כבודך'.

**איז** דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער האָט טאַקע נישט איבערגעלאָזט דעם צייכן פאַר זיך, נאָר פאַר אונז, צו אונז לערנען אַ וועג אין לעבן, אַז דער בעסטער וועג געראַטעוועט צו ווערן פון דער גאַנצער 'פרשה' פונעם מבול איז, דורך געבן אַ צייכן לזכרון עולם. דאָס איז דורך דעם וואָס דער מענטש נעמט אויף זיך גוטע קבלות און גדרים וסייגים, און ער באַשטימט פאַר זיך אַ צייכן וואָס זאָל אים דערמאַנען אין צייט פון אַ נסיון, טוט ער זיך מיט דעם צוריקהאַלטן פון דער עבירה, און ער איז זוכה זיך צו הייליגן און רייניגן.

**פאַרשטייט** זיך, אַז דאָס איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן ווען מ'שטייט ביים אנהייב פונעם נייעם יאָר הבא עלינו לטובה, אַז מ'דאַרף מאַכן אַ צייכן, אַן 'אות ברית', צו געדענקען די התעוררות וואָס מיר האָבן געהאַט אין די הייליגע טעג, עס זאָל אונז אייביג זיין גוט'.

**וועגן** דעם ענין פון באַנייאונג, אַז דער מענטש זאָל שטענדיג זען זיך צו באַנייען און זיך 'אויפפרישן' אין עבודת השי"ת, זאָגט הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע אויף דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (ו, ט) 'אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו', אַז דער פסוק קומט אונז מרמז זיין די גרויסע חשיבות פון דעם ענין פון 'התחדשות', זיך צו באַנייען. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'אלה תולדות נח - נח', נח האָט זיך אייביג אַליין 'געבוירן', צו ווערן אַ נייער 'נח'. ער האָט שטענדיג אָנגעהויבן פונדאסנייע עוסק צו זיין אין עבודת השי"ת, מיט אַ שטענדיגע באַנייאונג.

**'דבר** בעתו מה טוב', יעצט, ווען מיר שטייען ביים אָנהייב פון נייעם ווינטער-זמן, סיי אין די ישיבות און סיי אין די כוללים די בכל אתר ואתר, ליגט אַ פליכט אויף אונז זיך צו באַטראַכטן אין דעם ענין פון 'ראשית', אַ נייעם אָנהייב, ווי באַליבט עס איז ביי דעם אויבערשטן ברוך הוא[יא].

**הרה"ק** רבי מרדכי לעכוויטשער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק מיט וועלכן די תורה הייבט זיך אָן:

---

**י.** אנגעהויבן פון די ימי הרחמים והסליחות ביז'ן סוף חודש תשרי, קען מען כסדר הערן מענטשן פרעגן איינער דעם אַנדערן: 'האָסט שוין געזאָגט סליחות? האָסט שוין געבלאָזן שופר? האָסט שוין געשלאָגן כפרות? האָסט שוין געבויט אַ סוכה? האָסט שוין געקויפט די ד' מינים? האָסט שוין געשאָקלט לולב? האָסט שוין געקלאַפּט די הושענות?'. די לעצטע שאלה וואָס מ'פרעגט אין די ימים נוראים איז: **'צי האָסטו שוין געהאַט אַן עליה?'** דאָס איז אַ רמז, אַז דער הויפּט-תכלית פון גאַנצן חודש תשרי איז צו האָבן אַן עלייה, צו שטייגן און זיך דערהייבן פון אַלעם וואָס מ'האָט געטוהן אינעם חודש, **נישט אָפּצופּראַווען אַן עבודה אין די הייליגע טעג און דערנאָך צוריקגיין צום אַלטן און זיך אויפפירן אַזוי ווי מ'האָט זיך געפירט פאַריאָר.**

אַזוי האָט געטייטשט הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע, דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה, 'ויחל נח איש האדמה'. **'ויחל נח'** - אַזוי ווי ס'איז נאָר אָנגעקומען פרשת נח. **'איש האדמה'** - ציט ער זיך צוריק פון אַלע רוחניות'דיגע פעולות וואָס ער האָט געטוהן אין חודש תשרי, און ער איז צוריק געוואָרן דער זעלבער אַלטער **'איש האדמה'**. מ'דאַרף זיך דעריבער שטאַרק היטן מ'זאָל נישט פאַרזינקען ווערן חלילה צו זיין אַ שטיק 'ערד'.

וועט דער מענטש זאָגן, 'איך האב שוין פרובירט אַסאַך מאָל און איך האָב נישט מצליח געווען'. איז אויף דעם דאָ אַ רמז אין דעם היינטיגן נייעם יאָר תשפ"ז הבעל"ט. תשפ"ז ראשי תיבות **ת**'נסה **ש**'וב **פ**'עם **ז**'את...

**יא.** מ'דאַרף זיך שטאַרקן צו טוהן אַלעס מיט אַ 'התחדשות'. על דרך משל, ווען מ'וויל טרינקען אַ הייסן גלאָז קאַווע, טוט מען פריער אָפּקאָכן דאָס וואַסער ביז'ן העכסטן גראַד. דערנאָך גרייט מען צו די קאַווע, און מ'וואַרט אַביסל ביז די היץ וועט אַביסל נאָכלאָזן, כדי אַז מ'זאָל עס קענען טרינקען. איז לכאורה אַ וואונדער, פאַרוואָס טוט מען עס נישט באַלד לכתחילה אָפּקאָכן אויף אַן אופן אַז עס זאָל נישט זיין אַזוי הייס, און מ'זאָל עס קענען טרינקען וואַרימערהייט?

'בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ', און רש"י ברענגט פון חז"ל, 'בראשית, בשביל ראשית [די תורה, און די אידן, וואָס ווערן אָנגערופן 'ראשית']. האָט דער הייליגער לעבעוויטשער זי"ע געזאָגט, דער אויבערשטער האָט ליב דעם 'אָנהייב', די התחלה פון די עבודה פונעם מענטש ווען ער הייבט אָן אים צו דינען, און פאַר דעם דאָזיגן 'אָנהייב' האָט דער אויבערשטער באַשאַפן הימל און ערד.

**הרה"ק** רבי גדליה ליניצער זי"ע, שרייבט אין זיין הייליגן ספר 'תשואות חן', אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביי תפילת מוסף פון ראש חודש, 'ראשי חדשים לעמך נתת'. ווען דער מענטש פאַרענטפערט זיך פאַר דעם אויבערשטען, זאָגנדיג, דו האָסט מיר געגעבן אַ צו-שטאַרקן יצר הרע, מיט וועלכן איך קען זיך נישט 'ספראַווען' אים צו באַזיגן, זאָגט אים דער אויבערשטער: איך האָב געגעבן פאַר מיין פאָלק די אידן דעם טאָג פון ראש חודש, וואָס איז מרמז אויף באַנייאונג, כדי מרמז צו זיין אַז א איד איז אייביג בכח זיך באַנייען און אָנהייבן פונדאָסניי. איך פאַרלאַנג פון דיר נאָר איין זאַך - די זאָלסט אָנהייבן דיין מלחמה מיט'ן יצר הרע מיט אַ שטאַרקן כח, און צום סוף וועסטו זוכה זיין צו 'ותשועת נפשם מיד שונא'. די וועסט געראַטעוועט ווערן פון דעם גרויסן 'שונא' - דער יצר הרע, וואָס חז"ל זאָגן (סוכה נב.) אַז איינער פון די זיבן נעמען פונעם יצר הרע, איז 'שונא', ווייל ער איז דער גרעסטער פיינט פונעם מענטש.

### שתרגילנו בתורתך - די בעסטע עצה פאַר אַלע פראָבלעמען, זיך אָנשעפּן מיט לימוד התורה

**עס** ווערט געברענגט אין ספה"ק 'שם משמואל', אַז די לעצטע ווערטער וואָס זיין זיידע, הרה"ק מקאָצק זי"ע, האָט געזאָגט, איז געווען אַז 'כל מי שיניח ראשו בתורה, הריני ערב בעדו בזה ובבא'. יעדער איינער וואָס וועט אַריינלייגן זיין קאָפּ אין תורה, האַפט איך פאַר אים אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אָבער דער וואָס איז פון די 'לייטיש מטושטשים' (דאָס מיינט, ער דרייט זיך ליידיג מיט פאַרשידענע אויסרידן) וועט אַריינפאַלן אין 'נוקבא דתהומא רבה', עכ"ל.

**דער** 'אור החיים' הקדוש זי"ע שרייבט (ויקרא כב, יב) אין נאָמען פון זוהר הקדוש, אַז דער וואָס לערנט תורה, 'אַפילו אויב ער וועט זיין אין די נידעריגסטע מדריגה וואָס נאָר מעגליך ח"ו, אָבער אויב ער וועט

---

נאָר וואָס דען, אויב מ'וועט אַזוי טוהן, וועט דער טעם פון די 'קאַווע' אינגאַנצן נישט זיין זיס, ווייל כאָטש דער מענטש קען נישט טרינקען קאָכעדיגע וואַסער, אָבער עס דאַרף פריער קאָכן ביז'ן העכסטן גראַד, און דאַן, ווען די היץ לאָזט אַביסל נאָך, וועט די קאַווע זיין גוט און געשמאַק צום רטינקען. דאָס הייסט, אַז נאָר די לויליכע וואַסער וואָס ווערט פריער אָפּגעקאָכט איז זיס און געשמאַק, אָבער נישט וואַסער וואָס איז לכתחילה געווען לוילעך.

**אַזוי דאַרפן מיר ביים אָנהייב פונעם זמן אָנהייבן מיט אַ 'ברען' און אַ 'קאָך', מיט אַ גרויסע התרגשות, און דאַן וועט מען ממילא קענען פאַרזעצן במשך פונעם גאַנצן זמן ווי געהעריג, אויך נאָך דעם ווי דער 'ברען' און 'קאָך' פון אָנהייב זמן וועט זיך 'אָפּקילן'.**

### מן הבאר

די משנה זאָגט (יומא פ"ה מ"ג) אַז ווען דער כהן גדול האָט געשפריצט אויפ'ן פרוכת אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, האָט ער געציילט די הזאות, 'וכך היה מונה, אחת, **אחת** ואחת, **אחת** ושתים, **אחת** ושלש', און אַזוי ווייטער. זאָגט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע, אַז דער כהן גדול האָט יעדעס מאָל ביים ציילן, געזאָגט **'אחת'**, מרמז צו זיין, אַז ווען דער כהן גדול איז אַריינגעגאַנגען 'לפני ולפנים', זייענדיג דבוק אין די עולמות העליונים, האָט ער געבעטן דעם אויבערשטען: ליבער טאַטע אין הימל, איך בעט דיך, **דו זאָלסט מיר אייביג געדענקען דעם 'אחת' - דעם אָנהייב פון מיין עבודה, ווען איך האָב נאָך געהאַלטן ביי 'אחת'**. דעמאָלס האָב דאָך געשפירט אַ גרויסע התעוררות, און מיט'ן כח פון אט די התעלות האָב איך זוכה געווען צו שטייגן העכער און העכער און איך בין אָנגעקומען ביז אַהער. צוליב דעם דערמאַנט ער יעדעס מאָל 'אחת ושתים', 'אחת ושלש', א.א.וו., ווייל נאָר מיט'ן כח פון די דאָזיגע התחלה, שטייט ער יעצט אינעם קודש הקדשים.

זיך אנשטרענגען צו לערנען תורה, וועט ער משיג זיין גאָר גרויסע מדריגות, לויט זיין האָרעוואַניע[כ].

אַזוי שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אין זיין ספר 'ראשון לציון' (משלי פ"ב): 'והליבון הוא עסק

---

**יב.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'לב שמחה' זי"ע, האָט געזאָגט על דרך מליצה, אויף די ווערטער פון דער משנה (אבות פ"ד מ"ו) 'הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה'. אַז די כוונה דערפון איז, אַז דער מענטש זאָל וואָס ווייניגער 'רעדן' און זיך 'באַשעפטיגן' מיט אלעס 'ארום' לימוד התורה, נאָר ער זאָל שוין אָנהייבן לערנען, אָן איבעריגע איינגערעדטע הכנות...

מיר געפינען אַז רבי פנחס בן יאיר רעכנט אויס אין דער ברייתא (ע"ז כ:) פאַרשידענע מדריגות, ווי מ'קען שטייגן העכער און העכער אין עבודת השי"ת: 'תורה מביאה לידי זהירות, זהירות מביאה לידי זריזות' וכו'. ביי אַלע מדריגות שטייט געשריבן ווי אַזוי מ'קען עס דערגרייכן (איינס פירט צום אנדערן), אָבער ביי 'תורה', זאָגט נישט רבי פנחס בן יאיר וועלכע מדה ברענגט צו תורה, ווייל **די איינציגע זאַך וואָס ברענגט צו תורה, איז די תורה אַליין... מ'זאָל זיך אַוועקזעצן לערנען...**

עס דערציילט אַ איד פון בראַזיל, וועלכער האָט אַליין געלערנט אין דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים ביי דעם גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל, אַז צוואַנציג יאָר שפּעטער, האָט ער זוכה געווען צו ברענגען זיין עלטסטן זון אין דער ישיבה. וויבאַלד ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט אַז אויך זיין זון זאָל האָבן די זכיה צו לערנען ביי רבי אברהם, איז ער אַריינגעגאַנגען צו אים מיט זיין זון. אין יענער צייט, איז רבי אברהם שוין ליידער געווען זייער שוואַך און געליטן גרויסע יסורים רח"ל. זיי האָבן דאָס אָבער נישט דערקענט אויף אים, ווייל ער האָט זיי אויפגענומען גאָר פריינטליך און ליבלעך. דער טאַטע האָט געבעטן רבי אברהם גניחובסקי, אַז ער זאָל מעורר זיין דעם זון זיינעם וועגן התמדה בלימוד. האָט רבי אברהם אים געענטפערט, מיט'ן דערציילן די פאָלגענדע מעשה:

אַ גרויסער קעניג איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אין קייסערליכן הויף פון זיין פּאַלאַץ, צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע ראַטגעבער, אַ איד. שפּאַצירנדיג אַזוי, האָט דער קעניג געבעטן זיין אידישן ראַטגעבער ער זאָל אים ברענגען עפּעס צו טרינקען. איז דער איד געגאַנגען און געברענגט פאַר'ן קעניג אַ געטראַנק פון די בעסטע פּרוכטן, אין אַ גאָלדענעם בעכער, וואָס איז געלעגן אין אַ פלעשל וואָס איז געווען געמאַכט פון האָלץ, און באַצירט מיט טייערע דיאַמאַנטן.

אינעם גאָרטן, זענען געווען קליינע טיפע גריבער וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו האַלטן אין זיך גרויסע לעמפּ צו באַלייכטן דעם גאָרטן אין די נאַכט-שטונדן. איינער פון די לעמפּ האָט נישט געאַרבעט, און דעריבער, ווען דער איד איז אים פאַרביי געגאַנגען, האָט ער נישט באַמערקט דעם גרוב און איז אַריינגעפאַלן אין אים מיט'ן פלעשל און דעם בעכער. דער איד האָט זיך נישט פאַרלוירן און ער האָט נאָך באַוויזן צו ראַטעווען דעם בעכער פון אַריינפאַלן אינעם גרוב, אָבער דעם פלאַש האָט ער שוין נישט באַוויזן צו ראַטעווען.

וויבאַלד דער קייסערליכער פלאַש איז ווערד געווען גאָר אַסאַך געלט, האָבן אַלע קייסערליכע ראַטגעבער און מיניסטאָרן זיך פאַרזאַמלט צו טראַכטן אַ עצה ווי אַזוי אַרויסצונעמען דעם פלאַש פונעם גרוב, וועלכער איז געווען גאָר שמאָל און אַ מענטש האָט נישט געקענט אַריינגיין דערין. דער ערשטער ראַטגעבער האָט געראָטן ברייטער צו מאַכן דעם גרוב, אָבער זיין עצה איז באַלד אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די אַנדערע יועצים, מיט'ן טענה אַז ווען מ'וועט ברייטער מאַכן דעם גרוב, וועלן אַלע שטיקלעך ערד פון זיינע ווענט אַריינפאַלן אינעם גרוב און דער פלאַש וועט דאָרט 'באַגראָבן ווערן' אויף אייביג. אַן אַנדערער ראַטגעבער האָט פאָרגעשלאָגן צו גראָבן נאָך אַ גרוב נעבן יענעם גרוב, וואָס זאָל זיין פיל ברייטער, און דאַן וועט אַ מענטש קענען אַראָפּשפּרינגען אין דעם נייעם גרוב, און פון דאָרט וועט מען קענען לייכט גראָבן אין דער וואַנט צווישן ביידע גריבער, און אַזוי אַרויסנעמען דעם פלאַש פונעם גרוב. די דאָזיגע עצה איז אָבער אויך נישט אָנגענומען געוואָרן, ווייל זיי האָבן אויסגערעכנט אַז צו גראָבן אַ צווייטן גרוב וועט קאָסטן פונקט אַזוי פיל געלט וויפיל ס'איז די ווערד פונעם פלאַש, און אויב אַזוי, 'מה הועילו חכמים בתקנתם'...

צום סוף האָט דער איד זיך אָנגערופן צום קעניג: איך האָב אַ 'רב', וואָס ביי יעדן ענין פרעג איך זיין עצה. וועל איך יעצט גיין און אים פרעגן אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצונעמען דעם פלאַש פונעם גרוב. האָט דער קעניג און זיינע ראַטגעבער אָפּגעלאַכט פונעם איד, זאָגנדיג, דיין רב איז דען קלוגער פון דעם קעניג'ס חכמים און יועצים? וויבאַלד

התורה בתמידיות ביגיעה שהיא אש' - דער 'ליבון' פאַר דעם מענטש, צו זיך 'כשר'ן' פון די טומאה וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפגעברענגט דורכ'ן זינדיגן ח"ו, איז צו לערנען תורה מיט התמדה, מיט אַ האָרעוואַניע וואָס איז פייער. 'על ידי אש התורה תוציא בליעת האיסור שנבלע בגוף האדם בעבירה' - דער פייער פון תורה וועט אַרויסנעמען די 'בליעה' פון איסור וואָס איז 'איינגעשלינגען' געוואָרן אינעם מענטש דורך די עבירה.

אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט דעם גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע: 'מיר הערן כסדר פונעם רבינ'ס הייליגן מויל וועגן דעם ענין פון זיך באַנייען אין יעדער צייט און אין יעדן מצב. דאָס איז אָבער לכאורה אַ סתירה צו דעם וואָס מיר בעטן ביים דאַווענען, 'שתרגילנו בתורתך' - אַז דער אויבערשטער זאָל אונז צוגעוואוינען מיט זיין תורה, וואָס פון דעם איז משמע, אַז מיר בעטן אויף רגילות, און נישט אויף באַנייאונג.

האָט דער 'אמרי אמת' געענטפערט, אַז אַוודאי איז די הויפט-עבודה פון אַ איד זיך שטענדיג צו באַנייען, ווי חז"ל זאָגן (געברענגט אין רש"י, שמות יט, א) אַז די דברי תורה דאַרפן זיין ווי ניי יעדן טאָג, גלייך ווי זיי וואָלטן היינט געגעבן געוואָרן אויפן הר סיני. אָבער די כוונה פון אונזער בקשה 'שתרגילנו' בתורתך איז, אַז דער מענטש זאָל זיין געוואוינט אין דעם, אַזוי ווי ער איז געוואוינט צו עסן יעדן טאָג פונדאָסניי. כאָטש ער האָט אויך נעכטן געגעסן צו דער זעט, שפירט ער נישט היינט אַ 'געוואוינטהייט', נאָר ער טוט עס מיט אַ באַנייאונג און פרישקייט יעדן טאָג פונדאָסניי, אַזוי דאַרף מען אויך ביי תורה שפירן אַ פרישקייט און באַנייאונג יעדן טאָג: 'כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם'. דער מענטש זאָל יעדן טאָג לערנען מיט אַ התחדשות, אַזוי ווי איינער וואָס איז 'הונגעריג' צו הערן דעם אויבערשטען'ס וואָרט[יג].

---

זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, האָט דער קעניג אים באַפוילן צו גיין צו זיין רבי'ן... ווען דער איד האט דערציילט פאר זיין רבי'ן די גאנצע מעשה, האָט דער רבי אים געהייסן נעמען פולע עמערס מיט וואַסער, און ער זאָל זיי אַריינגיסן אינעם גרוב. אַזוי האָט ער געטוהן, און ביז עטליכע מינוט האָבן אַלע געזען ווי דער האָלצערנער פלאַש איז אַרויפגעשווימען צום שפיץ פונעם גרוב... און אַזוי האָבן זיי לייכט געקענט אַרויסנעמען דעם פלאַש פונעם וואַסער.

רבי אברהם גניחובסקי האָט אויסגעפירט זיין סיפור המעשה צו דעם בחור, זאָגנדיג:

- **הער מיך גוט אויס. יעדער מענטש גייט אַריבער אין לעבן פאַרשידענע תקופות, און וויבאַלד דער מענטש וויל אייביג אַרויסגיין פון זיין ענגשאַפט, פרובירט ער מיט פאַרשידענע עצות און תחבולות זיך צו ראַטעווען פון זיין צרה. די אַלע תחבולות העלפן אים אָבער נישט. ס'איז דאָ נאָר איין-איינציגע עצה ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען: אָנצופילן דאָס לעבן מיט 'וואַסער', וואָס דאָס מיינט מען די תורה,** ווי חז"ל זאָגן (ב"ק יז.) 'אין מים אלא תורה'. ווען דער מענטש טוט זיך אָנפילן מיט'ן 'וואַסער' פון די הייליגע תורה, שווימט ער אַרויף אויפ'ן גרוב, דאָס מיינט, פון זיינע צרות און יסורים.

אַ חסיד פון סטאָלינער רבי'ן הרה"ק רבי ישראל זי"ע, באַקאַנט אַלס דער 'ינוקא', האָט עולה געווען קיין ארץ ישראל. ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט'ן 'ינוקא', האָט ער געבעטן פונעם סטאָלינער רבי'ן אַ סגולה אָפּגעהיטן צו ווערן פון אַלעם בייזן. האָט דער 'ינוקא' אים געענטפערט:

- מיר פירן זיך נישט צו געבן סגולות, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז **ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע סגולה ווי צו לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות פאַר'ן שלאָף**, און אויב דיין מח איז נישט ריין און קלאָר, זאָלסטו צומאָרגענס איבער'חזר'ן דעם בלאַט גמרא וואָס דו האָסט געלערנט. דאָס איז די בעסטע סגולה און שמירה פאַר'ן מענטש אויף דער וועלט.

צוזאַמען דערמיט דאַרף מען אָבער שטאַרק האָרעווען כדי צו האָבן הצלחה אין דער הייליגער תורה, ווי דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט געזאָגט, אַז די תורה פאַנגט זיך אָן מיט'ן אות ב' (בראשית) וואָס איז דער צווייטער אות פון אל"ף-בי"ת, ווייל דער 'א' איז די גרויסע יגיעה, און נאָר דורך איר קען דער מענטש דערגרייכן די הייליגע תורה.

**יג.** מיר געפינען אַסאַך מאָל דאָס לשון 'מילא **כריסו** בש"ס ופוסקים' - ער האָט אָנגעפילט זיין '**בויך**' מיט ש"ס און פוסקים (זע רמב"ם, הלכות יסודי התורה פ"ד, ה"ג). לכאורה וואָלט דאָס לשון ענדערש געדאַרפט זיין, מילא '**ראשו**' בש"ס ופוסקים...

מיר זענען מתפלל פון טיפן האַרצן, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, וטהר לבינו לעבדך באמת[יד], און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַלע ברכות און הייליגע השפעות וואָס ווערן נשפע אין די יעצטיגע טעג פון דעם פאַרגאַנגענעם חודש העבר עלינו לטובה והבא עלינו לטובה, געהאָלפן צו ווערן מיט אַלע ישועות, בעגלא ובזמן קריב, אמן.

---

האָט דער קאָצקער רבי זי"ע געזאָגט, אַז דער תירוץ איז, אַז דאָס לערנען תורה דאַרף זיין אַזוי ווי דער 'בויך' פונעם מענטש. כאָטש דער מענטש איז געוואָרן זעט פון עסן און טרינקען, איז ער עטליכע שעה שפּעטער ווייטער הונגעריג און דורשטיג. **דאָס זעלבע איז ביי תורה, דער מענטש טאָר זיך נישט באַגעניגענען מיט דעם וואָס ער האָט שוין היינט געלערנט... נאָר ער דאַרף אייביג זיין הונגעריג און דורשטיג פאַר דער תורה.**

**יד.** ספּעציעל אין היינטיגן חודש חשון, וואָס איז מסוגל אָפּצוטוהן פון אונז דאָס שטיינערנע האַרץ (דעם יצר הרע, וואָס ווערט אָנגערופן 'לב האבן'), און אַז מיר זאָלן באַקומען אַ ניי האַרץ, ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָרט 'חשון' איז פון לשון פון פּסוק (תהלים מה, ב) 'רחש לבי דבר טוב', **אַז אין דעם חודש זאָלן אידישע הערצער נתעורר ווערן צום גוטן.** (געברענגט אין ספר 'שיח שרפי קודש', און אין 'אמרי הרי"ם', לחודש מרחשוון)

דער 'מאור ושמש' שרייבט (פ' שמיני, ד"ה 'אל') אַז **דער היינטיגער חודש חשון איז מסוגל משיג צו זיין 'דעת התורה', מער ווי אין די אַנדערע חדשים**, עיי"ש.

# ונח מצא חן בעיני ה׳

מ׳דערציילט, אַ איד וואָס איז געווען אַ ׳יחיד מומחה׳ אין דער פאַך פון שניידעריי, ער פלעגט אויפנייען פאַר מענטשן גאָר שיינע בגדים, פאַר אַ גוטן פרייז. וויבאַלד ער האָט געהאַט אַ ברייט-באקאנטן נאָמען אַלס גוטער שניידער, האָט ער טאַקע געהאַט דערפון פרנסה בהרחבה. אַמאָל האָט דער ׳פריץ׳ פון דער געגענט באַשטעלט ביי אים אַ נייעם אַנצוג ווי עס פּאַסט פאַר אַ הויכגעשעצטן פריץ, אַן אנצוג מיט וועלכן ער זאָל זיך קענען באַרימען פאַר זיינע חברים די אַנדערע פריצים. האָט דער שניידער אים געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אים אַ ׳קליייניגקייט׳, און ער וועט אַוודאי אַרויסגעבן אַ שיינעם בגד, אַ מלבוש וואָס ׳עין לא ראתה׳... האָט דער פריץ אים געגעבן אַ טייער און שיין שטיקל סחורה, כדי ער זאָל צוגרייטן דערפון דעם אַנצוג.

עטליכע טעג שפּעטער, איז דער שניידער צוריקגעקומען צום פריץ מיט׳ן אנצוג, און עס דערלאַנגט פאַר דעם פריץ, ער זאָל עס אָנטוהן און זען אויב עס איז צוגעפּאַסט צו זיין מאָס. ווען די פריצ׳טע האָט געזען אין מאַן דעם פריץ אָנגעטוהן אין דעם אַנצוג, האָט זי גע׳טענה׳ט אַז דער אנצוג האָט נישט קיין טעם און קיין ריח, נישט קיין חן און נישט קיין שיינקייט... איז דער פריץ געוואָרן שטאַרק אין כעס אויף דעם אידישן שניידער, און ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון זיין פּאַלאַץ, נישט באַצאָלנדיג אים אַפילו אַ פרוטה פאַר דער אַרבעט. אין שטאָט איז אַרויס אַ קול אַז דער שניידער האָט נישט באַוויזן צופרידנצושטעלן דעם פריץ, און זינט דאַן האָבן מענטשן אויפגעהערט צו באַשטעלן ביי אים שניידעריי אַרבעט, און ער איז נעבעך געבליבן אָן פרנסה.

איז דער שניידער געפאָרן צו הרה״ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי״ע און זיך מזכיר געווען פאַר אַ ישועה. האָט דער רבי ר׳ בונם אים געהייסן צוריק אַהיימפאָרן און ער זאָל נעמען דעם אנצוג וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר דעם פריץ. ער זאָל אויפטרענען אַלעס וואָס ער האָט דאָרט צוזאַמענגענייט, און דאַן זאָל ער עס ווידער אויפנייען לויט די זעלבע מאָס ווי פריער. ער זאָל נישט וואַגן צו טוישן אַפילו אַ פאָדעם.

בשעת מעשה, האָט דער שניידער נישט פאַרשטאַנען דעם רבינ׳ס עצה, און וואָס עס וועט אים דאָ העלפן אויב ער וועט עס צעטרענען און צוריק אויפנייען אַזוי ווי פריער... בלית ברירה, האָט ער אָבער געטוהן אַזוי ווי דער רבי ר׳ בונם האָט אים באַפוילן צו טוהן, און ער איז צוריקגעגאַנגען צום פריץ מיט׳ן ניי-אויפגענייטן אנצוג, זאָגנדיג אַז ער האָט עס ׳פאַראַכטן׳. דער פריץ איז טאַקע געווען שטאַרק באַגייסטערט פון דער שיינקייט פונעם אָנצוג, פון דער פונקטליכער אַרבעט...

און ער האָט אים באַצאָלט דערפאַר אַ שיינעם סכום געלט, און זינט דאַן האָט זיין מזל צוריק אויפגעשיינט. מענטשן האָבן ווידער אָנגעהויבן באַשטעלן ביי אים אויפצונייען פאַר זיי קליידער און אַנצוגן.

דאַן איז דער שניידער צוריק געגאַנגען קיין פשיסחא צום רבי'ן ר' בונם, און אים געפרעגט, 'ילמדינו רבינו, מה נשתנה'... דער אנצוג וואָס איך האָב אויפגענייט פאַר'ן פריץ אַ צווייטן מאָל, האָט דאָך אויסגעזען געניי ווי דער ערשטער אנצוג. פאַרוואָס האָט דער פריץ פריער עס נישט געגליכן, און מיך נאָך אַרויסגעוואָרפן מיט בזיונות, און דערנאָך איז דער אנצוג אים אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן? האָט דער רבי ר' בונם אים געענטפערט:

- באמת, איז דער אנצוג געווען שיין אויך ביים ערשטן מאָל, און עס האָט נישט געהאַט קיין שום חסרון און פעלער. נאָר וואָס דען, ווען דו האָסט עס אויפגענייט אין אָנפאַנג, ביזטו געווען 'אָנגעבלאָזן' מיט שטאָלץ און זיך גרויס געהאַלטן מיט גאווה, אַז עס איז נישט דאָ אויף דער גאַנצער וועלט אַזאַ גוטער שניידער ווי דו... והא ראיה, אפילו דער פריץ האָט באַשטעלט ביי דיר צו נייען פאַר אים אַן אַנצוג. מיר ווייסן אָבער, אַז דער אויבערשטער האָט איינגעפירט אין דער וועלט אַ כלל פון **'לענוים יתן חן'**. יעדער מענטש וואָס האַלט זיך קליין, האָט חן אין די אויגן פון אַנדערע מענטשן, און 'מכלל הן, אתה שומע לאו', ווייל דאָס **גרויסהאַלטעריי איז אַ פולשטענדיגע סתירה צו חן**, און צוליב דעם איז דער אַנצוג געוואָרן פאַר'מיאוס'ט ביי דעם אויבערשטען, און אַפילו ביי מענטשן אין די אויגן... אָבער יעצט, אַז דו ביזט שוין געוואָרן צובראָכן ביי זיך, און דו האָסט אויפגענייט דעם נייעם אָנצוג מיט הכנעה און אַ צובראָכן האַרץ, האָט דער אנצוג באַקומען אַ חן, און דעריבער האָט עס אַזאַ געפעלן פאַר דעם פּריץ...